Advertisement

תשובות ובירורים
ועד הכשרות
שע״י
בית דין צדק
דקהל האלמין

עוברא מחרידה ומזעזעה

בס״ד

# א רוף צו רבנים

# מחאה ותוכחה גלוי׳

דאָס האַרץ ווערט פאַרקלעמט אַז לײדער איז דער מצב אַזוי נידריק, אַז מען מוז הײנט־צו־טאָג מעורר זײן אויף זאַכן, וואָס אַמאָליקע צײטן האָבן פשוטע אידן מוחה געווען אויפן פלאַץ בפרהסיא, **דאַרף מען הײנט מעורר זײן רבנים מיט גדולים**, און ערשט ווירקט עס נישט.

דאָ האַנדלט זיך וועגן די **״חול המועד רײדס״**, וועלכע זײנען אויפגעשטעלט געוואָרן אין **ווילִיאַמסבורג** און אין **באָראָ פאַרק** פאַר קינדער.

לײדער, לײדער ווערט דאָס אָנגעפירט מיט אַ קאָלאָסאַלער תערובות אויפן גרעסטן פאַרנעם, סײ די רײדס, וואָס ציען אַרײן תערובות פון קינדער פון 3 יאָר ביז 19-18 יאָר אינגלעך און מײדלעך רח״ל, סײ די עלטערן וועלכע ברענגען די קינדער שטײען דאָרט אויסגעמישט האַרט אײנער לעבן דעם אַנדערן מיט. אַ שוידערלעכער תערובות (זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ניט אַלע גײען געהעריק מיט צניעות׳דיקע בגדים ווי עס דאַרף צו זײן), וואָס שטעכט אין האַרץ פון יעדן ערלעכן איד, אין צוגאָב צום מורא׳דיקן **חילול שבת בפרהסיא בײם אויפשטעלן די רײדס אין ווילִיאַמסבורג**, וואו עס האָט זיך נישט געטראָפן בעוונותינו הרבים אַפילו אײן־אײנציקער רב אָדער מורה צדק, וואָס זאָל געפינען פאַר וויכטיק מוחה צו זײן הן אויפן חילול שבת אַלײן, הן אויפן איסור צו גײן אויף אַזעלכע רײדס, וועלכע זײנען געמאַכט געוואָרן על ידי חילול שבת בפרהסיא, און הן אַרויסצוברענגען דעם מורא׳דיקן איסור פון שחוק בתערובות ובפריצות ובעצם חג הקדוש.

**צי איז דער חילול שבת בירושלים דאמעריקע ווינציקער האַרב ווי דער חילול שבת אין ירושלים עיר הקודש???!**

**און צי איז דער תערובות אנשים ונשים בירושלים דאמעריקע ווינציקער האַרב ווי די מקומות אין ירושלים עיר הקודש???!**

אין דער צײט וואָס דאָ איז דאָס געמאַכט געוואָרן בשליחות פון חרדישע אידן, און מיט אַ קלײניקײט וואָלט מען דאָס געקענט אָפּשטעלן (אָן טעראָר)

**הכותב למען קדושת השבת ־מועד וקדושת ישראל**

**הק׳ ש׳ ודא גראָס, אבד״ק האלמין**

נ.ב., ווי אַזוי איז דאָס, אַז כדי אָנצוואָרעמען דעם עולם מען זאָל עסן פלײש מיט חלב, טראָץ דעם וואָס די גדולי הדור שרײען אַז עס איז חלב גמור באיסור כרת רח״ל, קען מען בעצם יום הקדוש אין אַ מקום קדוש מיט אַ ספר תורה הקדושה אין דער האַנט אויסרופן, אַז עס איז אַ חוב קדוש צו עסן פלײש מיט חלב, טאַקע נאָך יום הקדוש בגמר כפרת עוונות זאָל מען אָנהויבן, אָבער דער שבת וואָס ווערט פאַרשוועכט אַזוי שטאַרק, און דער תערובות אנשים ונשים, וואָס פאַרשוועכט דאָס הײליקטום פון כלל ישראל און ווערט פראַקטיצירט אויף אַזאַ גרויסן מאסשטאַב ציען אַפילו נישט אַזוי פיל וויכטיקײט מען זאָל כאָטש אויסרופן אין אַ פשוטן חול המועד אין אַ צײט ווען מ׳דרשנט סײ־ווי, מוחה צו זײן קעגן די דאָזיקע איבלען.

**דאָס האָט נישט צו זיך קײן פרעצעדענט אין דער אידישער געשיכטע!**

**אוי נא לנו עד כמה שהגענו!**

**הנ״ל**

**בבקשה להדביק על פתחי בתי כנסיות ובתי מדרשות**

**נדבת אשר בן זאב**

**לעילוי נשמת אלי׳ בן ראובן זצ״ל**

**ת. נ. צ. ב. ה.**